פרשת בשלח
יג שבט תשפ"ב
יאר 2 גליון 37




# מזל טוב!

**מרת פארקאש** (מים רוטה)
**צו איר חתונה!**

**מזל טוב רחל לאה רוטה צו איר שוועסטערס חתונה!**
**מזל טוב חילע פארקאש צו איר ברודערס חתונה!**



# א בית פיגא תלמידה

א 'בית פיגא' תלמידה דארף זיין זייער איידל, רעדן איידל, גיין אנגעטון איידל און זיך אויפפירן איידל. ווייל אלע קוקן אויף די 'בית פיגא' תלמידות, אלע ווילן זען וואס איז דאס 'בית פיגא', וואס איז דאס ברסלב.

איך פארשטיי אז דו האסט נישט ליב די איידעלע וועג, דו האסט ענדערש ליב צו גיין אנגעטון פראסט, אבער מיט תפילה ווערסטו באקומען א נייע ווילן, א נייע גייסט. בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג די קליינע תפילה:

**"הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל גיין אנגעטון אזוי ווי דו ווילסט; איך וויל טון דיין ווילן, איך וויל האבן די ברכה פון גוטע קינדער, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט):** "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", **ווער עס גייט אנגעטון איידל וועט האבן ערליכע קינדער.**

**הייליגער באשעפער, איך פאר מיר האב ליב צו גיין אנגעטון מער פראסט, איך האב ליב קורץ, אויסגעשניטן, קלעבעדיג און שרייעדיג וכו' וכו', איך האב נישט ליב איידל, איך וויל אבער זיין גוט, איך וויל טון דיין ווילן, איך וויל זיין הייליג; לייג אריין אין מיר א הייליגקייט, א ריינקייט איך זאל ציען צו גוטס, איך זאל וועלן זיין ערליך".**

# נייעס אין בית פיגא

ברסלב שוועסטערלעך!

די וואך מאנטאג איז פארגעקומען די ערשטע 'ברסלב שוועסטערלעך' צוזאמקום, ווי די מיידלעך פון בית פיגא שטעטל און די מיידלעך פון בית פיגא וויליאמסבורג האבן זיך געטראפן און פארברענגט אינאיינעם.

שוין אסאך צייט וואס מען גרייט זיך אויף די הערליכע צוזאמקום, יעדע סקול האט צוגעגרייט א ניגון צו זינגען פאר די אנדערע מיידלעך, און אויך האט מען צוגעגרייט פאר יעדע מיידל א פין מיט איר נאמען, וואס זי זאל אנהאבן די גאנצע צייט.

מען איז ארויסגעפארן פון סקול 9:30, און א גאנצע וועג האבן די מיידלעך פוןביידע סקולס שוין קוים געקענטווארטן זיך צו טרעפן. מען איז אנגעקומען צו א הערליכע פארק, מיט פיל אינטערעסאנטע שפילערייען ווי מען האט עטליכע שעה געשמאק פארברענגט און הנאה געהאט.

נאכדעם איז מען געגאנגען עסן לאנטש, נאך לאנטש האט מען געהערט א שיינע שיעור פון מרת הײלפרין, זי האט גערעדט פון זיין באחדות, אז די רבי' האט געזאגט אז 'די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די גרויסע ליבשאפט וואס וועט זיין צווישן אייך' און אז מען זאל זיך האלטן צוזאמען. נאכדעם האט מען געזינגען און נאך אביסל פארברענגט, ביז עס איז שוין געווען צייט אהיימצוגיין. עס איז געווען אזוי שווער זיך צו געזעגענען, און אלע מיידלעך קענען שוין קוים ווארטן פאר נאך א 'ברסלב שוועסטערלעך' צוזאמקום, זיך צו טרעפן נאכאמאל מיט אלע מיידלעך פון בית פיגא.



# מעשיות פון תפילה

## פייגי טייטלבוים

שכח אייבערשטער איך וויל אייביג זיין צניעות'דיג ;איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען באקומען א העירקאט און ס'זאל אויסקומען זייער שיין און צניעות'דיג, און שכח אייבערשטער ס'איז אויסגעקומען הערליך שיין!



עלטסטע קלאס

## פייגעלע יאקאבאוויטש

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין צו מיס רוטה'ס חתונה, און איך זאל האבן א געשמאקע וועג. ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט גיין צו די חתונה!



פיפטע קלאס

## יוטא וועבערמאן

שוין אפאר טעג וואס מיין צאן האט זיך געשאקלט, און ס'איז געווען אביסל אומבאקוועם. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל שוין ארויספאלן, שכח אייבערשטער מיין צאן איז ארויסגעפאלן!



דריטע קלאס

## חי'לע וועבערמאן

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מען זאל שוין מופן צו די נייע קלאסן וואס מען האט יעצט צוגעבויט, און שכח אייבערשטער ס'איז שוין גרייט און יעצט האבן מיר א געשמאקע רואיגע פלאץ צו לערנען!



ערשטע קלאס

## חי רבקי מאיער

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען קומען אין ברסלבע סקול, און ש'כח אייבערשטער אז איך קען קומען יעדן טאג אין בית פיגא סקול!

דריטע קלאס

## לאה'לע איידליס

איך האב זייער שטארק געוואלט האבן נייע שיך האב האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין מאמע זאל מיך קויפן נייע שיך, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב באקומען נייע שיינע באקוועמע שיך.



פיפטע קלאס

## גיטי אפפעל

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן אסאך פאן ביי די 'ברסלב שוועסטערלעך' טריפ, און ש'כח אייבערשטער ס'איז געווען אזויפיל פאן און איך האב זייער הנאה געהאט.



עלטסטע קלאס

## רייזי איידליס

איין טאג נאך סקול האב איך נישט געטראפן מיין קאוט אויפן פלאץ ווי איך האב עס געלייגט. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן!



ערשטע קלאס

# א מעשה פון א צדיק

אמאל, האבן די חברה הנהלה פון ליטא ארויסגעשיקט א שליח, צו גיין זעהן ווער דער בעל שם טוב איז. ווען דער שליח איז אנגעקומען קיין מעזיבוז, איז ער איינגעשטאנען ביי ר' יחיאל פון קאוולע, און געגעסן ביים בעל שם טוב.

ווען ער איז אנגעקומען איז ער געגאנגען אין שוהל און ער האט זיך צוגעקוקט וויאזוי דער בעל שם טוב דאווענט מעריב. נאכ'ן דאווענען, האט דער בעל שם טוב אהיימשפאצירט מיט'ן שליח. ווען זיי זענען אנגעקומען צו די בעל שם טוב'ס הויז, האט די בעל שם טוב זיך געגעבן א דריי אויס צו איינעם און געשריגן, "גיי שנעל! גיי צו די פערד זיך אומקוקן אויף זיי! שנעלער!"

"אפשר קען איך גיין שפעטער?" האט יענער פרובירט צו בעטן. "ניין! איך האב דיר באפוילן צו גיין שוין!" האט דער בעל שם טוב געזאגט. די שליח וואס האט אלעס צוגעזעהן איז געווארן זייער פארוואונדערט, וואס גייט אן פאר די בעל שם טוב, וואס די פערד טוען? די געשעעניש איז געבליבן אין זיין מח, און אים געמאכט זייער נייגעריג. פאר דער שליח איז אהיימגעפארן, האט ער איבערדערציילט די מעשה פאר ר' יחיאל. שפעטער האט ר' יחיאל עס איבערדערציילט פאר'ן בעל שם טוב. האט דער בעל שם טוב אים געפרעגט: "נאר דאס האט ער געזען ביי מיר?! אבער אז דו פרעגסט, וועל איך דיר זאגן."

פרייטאג איז א איד געווען אונטערוועגנס, און ער איז אנגעקומען דא נעבן די שטאט ביינאכט און ער איז געבליבן און א זייטיגע פעלד אויף שבת. מיטאמאל זעהט ער א מערדער זיך דערנענטערן מיט א שנעלקייט צום ווינקל ווי ער האט זיך אויפגעהאלטן. מיט כעס איז דער מערדער צוגעלאפן צום איד, אין אים געוואלט הרג'ענען!

"ווען איך האב דערשראקן דעם מענטש, האט דער מערדער זיך אויך דערשראקן, און אפגעלאזט דעם איד. דו וועסט זעהן ווי ער וועט באלד אריינקומען אין שטאט!" האט דער בעל שם טוב פארציילט. און אזוי איז טאקע שפעטער געווען.

טייערע מיידלעך, לאמיר זיך ארויסלערנען פון די מעשה נישט צו האבן קשיות אויף א צדיק. א צדיק איז אזויווי איינער וואס שטייט הויך, און קען זעהן אלעס וואס טוט זיך אונטן. מען דארף גלייבן א צדיק אן פארשטיין, נישט וועלן וויסן, זעהן, וועלן מיר האבן א שיינע זיסע לעבן.



# א בריוו פונעם ראש ישיבה שליטא

בעזרת ה׳ יתברך, יום ד׳ פרשת שמות, י״ח טבת, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.
דיינע טיטשערס און מנהלת תחי׳ רעדן זייער שיין פון דיר אז דיין התנהגות איז מיט גרויס דרך ארץ.

שלמה המלך זאגט (קהלת ז, א): ״טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב״, עס איז בעסער פארן מענטש א גוטע נאמען מער ווי די בעסטע שמעקעדיגע אויל (פערפומס), ווייל אפילו מען זאל לייגן אויף זיך גוטע שמעקעדיגע אויל וועלן נאר די מענטשן וואס שטייען ארום דעם מענטש שפירן דעם אויל וכו׳, אבער א גוטע נאמען גייט פון איין עק וועלט ביזן צווייטן; אויך וועסטו מאכן א נחת רוח פאר דיינע עלטערן מיט דעם וואס דו וועסט זיך פירן מיט גוטע מידות.

דו ווייסט אוודאי פארוואס דער רבי האט געוואלט מען זאל אים רופן מיט זיין מאמע׳ס נאמען רבינו נחמן בן פיגא און נישט מיט זיין טאטעס נאמען - בן שמחה, ווייל זי האט אים אויפגעצויגן מיט יראת שמים.

דער רבי׳ס טאטע איז געווען א באהאלטענער צדיק, ער איז געווען רוב צייט גלות ליידן און ער האט זיך נישט געפונען אין שטוב, נאר זיין מאמע האט אים מגדל געווען. זי פלעגט גיין כסדר מיטן רבי׳ן צום קבר פון איר הייליגע זיידע דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו וואו זי האט געוויינט צום אייבערשטן זי זאל זוכה זיין צו אויפציען קינדער צדיקים.

זאלסטו אויך נאך גיין אין די וועגן; געוואוין זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן. יעדע זאך וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן אויף דיין שפראך, וועסטו אויך זוכה זיין צו ווערן א גרויסע צדיקת.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# RECIPE

## CHOCOLATE CHIP COOKIE BARS



### Recipe:

3 eggs
1 cup sugar
1 cup oil
1 tsp vanilla sugar
3 cups flour
Pinch of salt
3 tsp. baking powder
1 cup chocolate chips

### Directions:

Preheat oven to 350. Combine all ingredients in a bowl. Mix well by hand. Place on a cookie sheet. Bake for 20 minutes. Cut into small squares. Bake for an additional 20 minutes.

**געדענק צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל אויסקומען זייער גוט!**

# "עצתו אמונה" קעסטל רעטעניש

## טרעפט די ענטפערס אין דעם הייליגן קונטרס "עצתו אמונה"
## פון די פארגאנגענע וואך פרשת בא תשפ"ב



### פון רעכטס צו לינקס

**.2** אפשערן די _____ נאך די חתונה, ברענגט אלע ישועות און רפואות

**.6** _____ שטארקט דעם מענטש מיט א שטארקייט וואס איז נישט מעגליך צו צעברעכן

**.8** אזוי פירט דער אייבערשטער די _____

**.9** ווען מען איז _____ צו א צדיק, האט מען כח צו זיין ערליך און הייליג

**.13** רעדן צום אייבערשטן אינמיטן זאגן _____ איז נישט קיין הפסק

**.14** געלט _____ צום מענטש אין די יונגע יארן, און שפעטער הרג'עט עס דעם מענטש

**.15** _____ טוישט די טבע

**.16** א בלאט _____ יעדן טאג, אזוי ווי לייגן תפלין

**.19** דער רבי האט נישט געוואלט מיר זאלן _____

**.22** זאל דער רבי נעמען א _____ און מיך שלאגן, וועל איך אויך נישט אוועקגיין

**.23** א _____ האט נאר מיט'ן אייבערשטן

### פון אויבן אראפ

**.1** מען דארף געדענקען זיך צו _____ מיט די מצוה אליינס

**.3** ווען קינדער זעען א גוטע זאך ביי זייער _____, מאכן זיי דאס נאך

**.4** אכטונג געבן אויף דיין _____ מער פון אלעם

**.5** הערט אויף זיין ארעמעלייט, הייבט זיך אן באנוצן מיט _____ ענקערע

**.7** איך קוק וואס איך האב אין מיינע _____

**.10** מען מעג זאגן תהלים _____

**.11** די שמחה פון _____ _____ _____ _____ קען דער יצר הרע נישט צעברעכן

**.12** א _____ מענטש אנטלויפט פון א צרה

**.15** שלש סעודות איז א צייט פון _____

**.17** דער _____ איז געווען דער סמ"ך מ"ם

**.18** רעד צום אייבערשטן אויף דיין אייגענע _____

**.20** פרעגן אלע שאלות פונעם _____

**.21** איידל און שיין, דאס האט _____

# פון אונזערע לערערינס

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי',

איך האב אזוי הנאה דיך צו האבן אין אונזער קלאס! דו פירסט זיך ערוואקסן, מיט דרך ארץ, און דו הערסט זיך אזוי גוט צו צו וואס מיר לערנען. נאך א מזל דו זיצט גלייך אין פארנט פון די קלאס; ווייל ווען די טיטשער רעדט וויל זי זען כאטש איין תלמידה וואס הערט אויס יעדע ווארט. האלט ווייטער אן דיין דרך ארץ!

אויך רעדסטו אזוי שיין צו יעדן, דו מאכסט יעדן פילן גוט. אפילו דו ביסט יונגער, זעהט מען עס נישט אן ווייל דו פירסט זיך אויף אזוי ערוואקסן! שכח אייבערשטער אז דו ביסט אין אונזער קלאס.

מיט ליבשאפט,
שרה לעזער

## מיר לערנען זיך פון

## עצתו אמונה



דֶער בְּלִינְדֶער שְׁפִּילֶער

**פערעלע לעזער לערנט זיך פון די מעשה "ווער איז גרעסער?"**

מען זאל נאר קוקן אויף שיינע, גוטע זאכן; נישט אויף גוישע עקלדיגע זאכן וואס מאכן נישט א מענטש פרייליך.

## טרעף די וועג

